# פאַרנאַכטן

פאַרנאַכטן זיינען קינדער, געפונען הינטער פלויטן,
פאַרנאַכטן זיינען זקנים, וואָס קענען נישט דערשטאַרבן,
פאַרנאַכטן זיינען לאָמפּן — עס ברענען שוין די קנויטן.
פאַרנאַכטן זיינען אויגן פון שטילע משוגעים,
פאַרנאַכטן זיינען בריוו געשריבן און צעריסן:
עפּעס ווערט לייכטער און עפּעס גייט אונטער...
פאַרנאַכטן זיינען רינגען אויף אָפּגעהאַקטע פינגער:
בלוט אויף גאָלד — גאָלד אויף בלוט.
פאַרנאַכטן זיינען אָרעמס פון שיינע בעטלערקעס.
פאַרנאַכטן זיינען פאָנען אין פאַרשפּילטע שלאַכטן.
פאַרנאַכטן זיינען פידלען, בעת טייוואָלים כאַפּן
פון שטוב אַרויס די כלה...
פאַרנאַכטן זיינען פענצטער פון פאַרלאָזטע שולן,
שויבן קלאָגן אין קאָלירן...